# LIVING TORAH

# פרשת בא

## בס"ד. יו"ד שבט ה'תשמ"ג

הנחה פרטית בלתי מוגה

**באתי** לגני אחותי כלה, [וואָס דאָס איז דאָך דער מאמר וואָס דער בעל ההילולא האָט אַרויסגעגעבן ללמדו (ביו"ד) בעשירי בשבט, און אַזוי איז דאָך אויך דערנאָך געוואָרן מנהג ישראל תורה הוא ללמדו בכל עשירי בשבט בכל שנה ושנה], און ער ברענגט אַראָפּ דעם מאמר המדרש און פירוש המדרש, אַז "באתי לגני", "לגני – לגנוני", וואָס דאָס איז "עיקר שכינה", איז "בתחתונים היתה", אַז דאָס גייט אויפן עולם הזה התחתון הגשמי, וואָס דאָרט איז געווען דער עיקר שכינה בשעת הבריאה, און דערנאָך איז געווען על ידי ענין הידוע על ידי אדם הראשון, אָט דעמאָלט נסתלק געוואָרן די שכינה מארץ לרקיע הראשון, און אַזוי איז אויך דורך (די שבעה) די ששה ענינים לאחרי זה, ביז וואַנענט אַז די שכינה עלתה למעלה, ביז צום רקיע השביעי. און דערנאָך זיינען געקומען צדיקי עולם, אָנהויבנדיק מיט "אחד הי' אברהם", וואָס הוריד השכינה מרקיע הז' לשישי, און דערנאָך ביז ס'איז געקומען דורך אחר דור וצדיק אחר צדיק, ביז צו משה רבינו וואָס ער איז געווען השביעי, ו"כל השביעין חביבין", און ער האָט מוריד געווען די שכינה מרקיע הא' לארץ. וואָס דאָס איז אויך דעמאָלט ווערט "אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין", און ווי ער איז מפרש בארוכה אין דעם מאמר, אַז דער "יקרא שכינתא" וואָס ער איז "בכולהו עלמין" בשוה, וואָס דאָס באַווייזט דאָך אויף אַ דרגא נעלית אין אלקות, סובב כל עלמין – ווערט אין דערויף "אסתלק", וואָס דאָ איז דער טייטש "אסתלק" – אַן ענין פון "ישכנו לעד עלי'", מ'איז דאָס משכין למטה, אָבער מצד דערויף וואָס דאָס איז סובב כל עלמין, שטייט דאָס אין אַן אופן וואָס דאָס ווערט אָנגערופן "הסתלקות", וואָרום דאָס איז אין אַן אופן של מקיף, אָבער אַזאַ מקיף וואָס ער פועל'ט אויך בכל ענינים. וואָס דאָס איז אויך די עבודתם ותפקידם פון "עמך כולם צדיקים", אַז ס'זאָל זיין דער "ישכנו לעד עלי'" – זיי זאָלן משכין זיין און מאַכן אַ דירה לו יתברך "עלי'" – בתחתונים, אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו.

וואָס דערפאַר איז אויך געפינט מען דאָך פון די ציוויים פון משה רבינו, און אַן ענין עיקרי, וואָס ער האָט דאָך מוריד געווען די שכינה – כאמור – ביז לארץ, אַז מ'האָט דורך אים אָנגעזאָגט און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", אַז ס'זאָל זיין דער "ושכנתי בתוכם" טאַקע "בתוך כל אחד ואחד מישראל", דאָס איז אָבער געווען אין אַן אופן און דורך דערויף וואָס מ'האָט געמאַכט פון ענינים גשמיים פון עולם הזה התחתון, די אַלע דרייצן און פופצן זאַכן וואָס מ'רעכנט אויס – האָט משה אָנגעזאָגט און דערנאָך געזען און האָט זיך משתתף געווען, ביז וואַנענט אַז ער האָט מקים געווען דעם משכן – דוקא משה רבינו אַליין, זאָל זיין דער מקדש "ושכנתי בתוכם", וואָס דורך דערויף ווערט דער "עיקר שכינה בתחתונים" אין זמן משה, און דערנאָך לאחריו.

..."אור אין סוף" איז "למעלה מעלה עד אין קץ ולמטה מטה עד אין תכלית", וואָס דאָס איז דער "אוצר" האמיתי, און דאָס ווערט דערנאָך געגעבן, ווי ער איז דערנאָך מבאר אין דעם המשך הסעיפים, ווערט דאָס דערנאָך געגעבן לכל אנשי המלחמה, צו "צבאות השם", וואָס דאָס איז יעדער איד און אַלע אידן וואָס זיי ווערן דאָך אָנגערופן בשם "צבאות השם", (ווי מ'זאָגט דאָס אין דעם) ווי דערמאָנט אין דער פרשה שלפני



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בא

זה, און דערנאָך אויך אין פרשה פון שבוע זה, אַז "בני ישראל" איז "יוצאים ביד רמה", "ובני ישראל על צבאותם" – על צבאות השם, גייען זיי אַרויס (במלחמה) בגאולה פון דעם חושך הגלות, און ס'ווערט דער נצחון פון אור אין סוף ביז "למטה מטה עד אין תכלית".

און דאָס איז ער מבאר אין פרק י"ג, [וואָס דאָס איז דאָך מתאים לשנה זו אין דעם צווייטן מאָל י"ג] דער ענין ווי אַזוי דאָס איז "למטה מטה עד אין תכלית", אַז אין "למטה מטה" אין אויך דאָ "אין תכלית" – פונקט אַזוי ווי "למעלה מעלה עד אין קץ". וואָס דאָס איז דער ריבוי ההשתלשלות והדרגות ווי ס'איז דאָ אין דעם "מטה מטה", אָנהויבנדיק – ווי דערמאָנט פריער – אַן ענין פון "שיטה", ס'איז מערניט ווי אָפּגעקערט "כחוט השערה", ביז וואָנענט ס'ווערט דערנאָך אַן ענין וואָס מ'ווערט נשקע (אין דברי) אין עניני תאוות היתר, און דערנאָך ביז ס'קומט אַראָפּ למטה מטה, אין תאוות וואָס זיי זיינען היפך ההיתר, און אין דערויף גופא – אויך כמה וכמה דרגות, פון "לתאבון", ביז רח"ל אַז דאָס ווערט אַן ענין (פון אַ) וואָס ער איז מורד רח"ל, אַן ענין פון להכעיס. וואָס אַזוי איז אויך, וויבאַלד אַז דאָס איז דאָ אין עבודת השם ביי אַ אידן, וואָס ער איז דאָך כולל (את העולם) "את העולם נתן בלבם", איז דאָס אַזוי אויך דאָ אין סדר השתלשלות, וואָס ס'הויבט זיך אָן פריער די עולמות הקדושה, און דערנאָך איז דאָ די עולמות פון לעומת זה, און אין דערויף גופא כמה וכמה דרגות, קליפת נוגה, און דערנאָך די ג' קליפות שלמטה מזה, און אין דערויף גופא אויך כמה דרגות, ביז די דרגא וועלכע מ'לערנט אין די פרשה זו ולפני זה, פון "לי יאורי ואני עשיתיני", וואָס דאָס איז דאָך דער היפך און די מרידה אין דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

...און ס'ווערט דעמאָלט "אהפוך אל (כל העמים כולם שכם אחד) [עמים שפה ברורה] לעבדו כולם (שֶכֶם אחד) שְכֶם אחד", "והיתה להוי' המלוכה", און די המלוכה ווערט דערנאָך (הוי' הוי' ??), "כשם שאני (נקרא) [נכתב] כך אני (נכתב) [נקרא]", אַז ס'ווערט אָן קיין חילוק הוי', הוי' דלעילא – ווערט אָט דאָ למטה, און ס'שטייט אין אַן אופן פון "ונגלה", ביז וואַנענט "וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי' דיבר", במהרה בימינו ממש, אַז ס'ווערט פאַרענדיקט די עבודת הבירורים, ביז ס'ווערט אויך אָפּגעפּוצט די קנעפּלעך, כידוע דער פתגם פון בעל ההילולא, און מ'שטעלט זיך אויס פון "צבאות הוי'" פאַר הוי' אלקי צבאות, וואָס צו אים ווערט מען בטל, וואָס דערפאַר ווערט מען דאָך אָנגערופן בשם "צבאות הוי'", סמיכות צו שם הוי'. און יעדערער פון די אַנשי צבא באַקומען פון דעם אוצר הכי גדול והכי יקר מיט די אַלע פרטים ווי ער רעכנט דאָס אויס, "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה", [אַז] נאָך זייענדיק אין גלות איז "ובני ישראל הי' אור במושבותם" נאָך זייענדיק אין מצרים, און דערנאָך, נאָך דערויף, "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", "בריש גלי", על ידי משיח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.